בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום א' פ' וירא | ע' חשון | תשע"א | סוטה ל"ז.

# באריכט:

דעם שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש ליל שב"ק אום 8:45 בערך אינאיינעם מיט די בחורי חמד תלמידי הישיבה. מיט כל מקדש איז מכובד געווארן הרה"ח ר' שמואל ראטטער הי"ו פון רושלים עיה"ק, מיט מנוחה ושמחה איז מכובד געווארן מוה"ר יודא בערקאוויטש הי"ו פון אנטווערפן.

ביי די תורה האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויף די מדרש ואעשך לגוי גדול, ומנח לא העמדת ע' אומות, אלא אותו אומה שכתוב בו ומי גוי גדול אני מעמיד ממך, אויסטייטשנדיג ע"ד דרוש אין די סוגיא פון יש שליח לדבר עבירה.

מיט קה רבון עלם איז מכובד געווארן מוה"ר יושע וויינבערגער הי"ו פון לאנדאן, מיט קה אכסוף איז מכובד געווארן מוה"ר שמואל דוד מארקאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג מיט'ן בענטשן האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יוסף לייב קאהן שליט"א מנהל במתיבתא הק'. עובדות ודיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק בעל מאור ענים מ'טשערנאביל זי,ע וועמענס יארצייט עס געפאלט די וואך. מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר משה יודא גאלדבערגער הי"ו פון וויליאמסבורג.

די וואך האט דער רבי שליט"א נישט געדאווענט שחרית לפני התיבה ווי געווענטליך צוליב א פארקילעכץ, עס האט געדאווענט פאר'ן עמוד שחרית מוה,ר ישכר בער הירש הי"ו, מוסף האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ח ר' דוד עקשטיין הי"ו מראה"ק.

ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי געשטעלט אויף די זעלבע מדרש ווי פרייטאג צונאכטס אויסטייטשנד"ג בדרך מוסר מיט דעם ווארט פון בעש"ט הק' אז בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב און ס'רופט אויס אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, און מאריך געווען בדברי מוסר.

ביי קל מסתתר האט מען די וואך אנגעהויבן א נייער ניגון, און נאך מעריב האט דער רבי שליט"א געמאכט קידו לבנה ברוב עם.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר יוקל הירש הי"ו פון קרית יואל , און הב' בן מוה"ר יעקב גליק הי"ו פון וויליאמסבורג. פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית בן הנולד לר' חיים וואלף פריעדמאן הי"ו פון קרית יואל.

## אויסטראליע

א שיינער שבת איז פאראיבער אויף אנ"ש תושבי מעלברוין - אויסטראליע בכלל מיט'ן חשובען גאסט הרה"ג ר' שלום שניצלער שליט"א מרבני כולל למצויינים ויואל משה ירושלים עיה"ק וועלעכער איז געקומען בשלוחא דרחמנא לטובת די הייליגע כולל אין ירושלים. דער גאסט האט זיין אכסניא ביי הרה"ח ר' אברהם משה לעבאוויטש הי"ו.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**